ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת וישלח

---

### וישלח (א)

אויף וישלח יעקב מלאכים זאגט רש"י "מלאכים ממש". אלע ענינים אין תורה זיינען א הוראה פאר יעדן אידן אין אלע צייטן.

דארף מען פארשטיין:

יעקב האט טאקע געקענט שיקן אמת'ע מלאכים, אבער א פשוט'ער איד קען דאך ניט שיקן מלאכים. איז וואס קען מען זיך אפלערנען פון דעם סיפור?

דער ענטפער איז:

דער רמב"ם זאגט אז אמאל ווערן די כחות פון א מענטשן אנגערופן "מלאכים". יעדער איד איז א בעל הבית אויף זיינע כחות, און ער קען זיי שיקן און נוצן ווי מען דארף.

יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען פון די עבודה מיט לבן צו פארנעמען זיך מיט עשו. איידער די נייע עבודה מיט עשו האט ער געשיקט מלאכים. אזוי אויך יעדער איד: איידער ער פארנעמט זיך מיט אן עשו, דארף ער פריער שיקן זיינע מלאכים - זיין שכל און הרגש. זיין שכל און הרגש דארפן אויסגעפינען וואס פאר א זאך דאס איז.

אויב דאס איז א זאך וועלכע ער קען גרינג אויסניצן אין קדושה, אן קיין גרויסע מלחמות, זאל ער דאס טאן. אבער אויב דאס איז א זאך וועלכע ער וועט דארפן האבן מיט עם גרויסע מלחמות, זאל ער בעסער אוועקגיין פון דעם.

אין אנדערע ווערטער:

אויב ער קען גרינג טאן די זאך לשם שמים זאל ער דאס טאן. אויב אבער ער וועט ניט קענען דאס טאן לשם שמים, זאל ער ניט טאן די זאך.

וועגן דברים האסורים רעדט מען דאך ניט. דאס וועט מען אוודאי ניט טאן. נאר אויך ביי דברים המותרים, זאכן וועלכע מען מעג טאן, איז דא א מצות עשה "קדושים תהיו". א איד דארף זיין הייליג. דאס מיינט אז ער דארף טאן נאר אזעלכע זאכען וועלכע ער קען טאן לשם שמים. "קדש עצמך במותר לך" - אויב מען קען ביי זיך ניט פועל'ן אז מען זאל דאס טאן מיט אן אמת לשם שמים, זאל מען דערפון זיך אפשיידן.

יעקב אבינו האט מתפלל געווען "הצילני נא מיד אחי מיד עשו". יעקב האט ניט

געוואוסט ווי אזוי ער וועט זיך פארנעמען מיט עשו. ער האט זיך געגרייט אויף דריי וועגן, לדורון, לתפלה ולמלחמה. דערפאר איז געווען נויטיג צו שיקן מלאכים אויסגעפינען וואס איז די בעסטע וועג צו האנדלען מיט עשו.

אזוי דארף יעדער איד טאן פאר יעדע נייע עבודה. ער דארף אויסגעפינען צי ער קען עס טאן לשם שמים אדער ניט.

(לקו"ש ח"ה ע' 392)

## וישלח (ב)

אויפ'ן פסוק "עם לבן גרתי", זאגט רש"י "תרי"ג מצוות שמרתי". איך האב געלעבט מיט לבן און די 613 מצוות האב איך געהיט.

דארף מען פארשטיין:

וואס איז די שייכות פון דעם דרש אויפ'ן פסוק - ותרי"ג (אותיות גרתי) מצוות שמרתי - צום פשוט'ן פשט פון פסוק, גרתי מלשון גירות (א גר איז א פרעמדער)?

דער ענטפער איז:

דער פירוש פון "עם לבן גרתי" איז, אז אלע ענינים פון לבן הארמי - אלע גשמיות'דיקע זאכן, שור וחמור, צאן עבד ושפחה, זיינען ביי עם געווען מער ניט ווי - גרתי - א פרעמדע זאך. ס'איז ניט זיין ענין.

זיין היים איז די נשמה און די ענינים פון תורה ומצוות. אלע גשמיות'דיקע זאכן זיינען מער ניט ווי גירות.

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו דעם מעזריטשער מגיד. ער האט געזען די גרויסע ארעמקייט וואס איז געווען אין מגיד'ס הויז. קיין מעבל איז ניט געווען, נאר קעסטלעך אויף וועלכע צו זיצן אאז"וו. האט דער איד געפרעגט ביים מגיד: פארוואס האט איר ניט קיין שיינע מעבל?

האט דער מגיד געענטפערט: עולם הזה איז א פרוזדור לעולם הבא. אין דער היים איז אנדערש. אין דער היים דארף מען טאקע אלץ האבן. אבער אין וועג מאכט ניט אויס אז ס'איז ניט אזא שיינע דירה און עס זיינען ניט אזוינע שיינע מעבל. איך בין דאך אין וועג.

דאס איז וואס ער זאגט ווייטער אין דער סדרה "ויבן לו בית ולמקנהו עשה סכות". "לו" צו עם, ד.ה. צו זיין עיקר - נשמה און תורה ומצוות - האט ער געבויט א "בית" א דירת קבע. "ולמקנהו", צו די גשמיות'דיקע זאכן, וואס זיינען "צוגעקויפטע" (מקנהו מלשון קנין) "עשה סכות" - דירת עראי.

לויט דעם וועט מען פארשטיין די שייכות פון פשט הפסוק מיט'ן דרש הפסוק. מצד דעם וואס "עם לבן גרתי", וואס די גשמיות'דיקע זאכן זיינען ביי עם געווען אין אן אופן פון גירות, דורך דעם האט די גשמיות ניט געשטערט צו די רוחניות, און ער האט געקענט דורכפירן - ותרי"ג מצוות שמרתי.

(לקו"ש ח"א ע' 68)

## וישלח (ג)

"ולא יקרא עוד שמך יעקב כי אם ישראל יהיה שמך". די גמרא זאגט: דער וואס רופט אברהם "אברם", איז עובר אויפ'ן אנזאג "ולא יקרא עוד שמך אברם". אבער דער וואס רופט "ישראל" מיט'ן נאמען "יעקב", איז ניט עובר אויפ'ן אנזאג "ולא יקרא שמך עוד יעקב". ווייל ביי אברהם, איז נאכדעם ווי דער אויבערשטער האט עם גערופן "אברהם", רופט עם מער ניט די תורה "אברם". אבער ביי יעקב איז אפילו נאכדעם ווי ער האט באקומען דעם נאמען "ישראל", רופט עם די תורה "יעקב".

דארף מען טאקע פארשטיין:

פארוואס נאכדעם ווי ער ווערט אנגערופן "ישראל" ווערט ער שפעטער אנגערופן אויך מיט'ן נאמען "יעקב"?

דער ענטפער ווערט ערקלערט אין חסידות:

א איד דארף טאן די עבודה פון יעקב און אויך די עבודה פון ישראל. די עבודה פון יעקב איז: יעקב מיינט אפנארן. ווי עשו האט געזאגט ווען יעקב האט צוגענומען פון עם די ברכות, "ויעקבני זה פעמיים". די ברכות פון יצחק זיינען געווען אויף גשמיות'דיקע זאכן "מטל השמים ומשמני הארץ". רבקה און יעקב האבן זיך מוסר נפש געווען און געטאן פארשידענע ענינים פון אפנארן (ווי אנטאן בגדי עשו) צו באקומען די ברכות.

איז דערפון א הוראה פאר אונז אין עבודת ה': דער צוגאנג פון א אידן צו אכילה, שתי', און ענליכע גשמיות'דיגע זאכן דארף זיין אין אן אופן פון אפנארן. דער וועג פון א "רמאי" איז אז ער גייט אין דער וועג וואס יענער וויל און דערנאך טוט ער וואס ער וויל. ער אנטפלעקט ניט זיין אמת'ע כוונה. און אזוי דארף א איד צוגיין צו עסן און טרינקן און ענליכע זאכן. ער טוט לכאורה וואס דער יצר הרע וויל, ער עסט און טרינקט, אבער ער טוט עס לשם שמים, צו האבן כח צו לערנען, דאווענען און טאן מצוות. א איד טוט זיך נאר אן אין "בגדי עשו", אבער זיין כוונה איז לשם שמים. דאס איז די כוונה פון א געוויינליכער איד.

די עבודה פון ישראל איז די עבודה פון א צדיק, וואס יעדער איד דארף שטרעבן צוצוקומען צו דעם. עס איז ווי עסן סעודת שבת. דעמאלסט דארף ער ניט עסן לשם שמים צו לערנען און דאווענען מיט דער כח וואס ער באקומט. דער עסן אליין איז א מצוה פון עונג שבת. דערפאר האט יעקב באקומען דעם נאמען "ישראל" ווען דער מלאך (שרו של עשו) האט מודה געווען אז די ברכות זיינען זיינע אייגענע ניט אויסגענארטע.

(לקו"ש ח"ג ע' 795)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"